יאָרנלאַנג אָנגעפירט מיט דער פּעדאַגאָגישער קאָמיסיע ביים שלום־עליכם־פאָלקס־אינסטיטוט און די לעצטע יאָרן רעדאַקטירט דעם „קינדער־זשורנאַל״.

ג. האָט אַרויסגעגעבן אַ צאָל לידער־זאַמלונגען און אַ באַנד פאָלק און דיכטער־לידער מיט נאָטען פאַר קינדער.

דעם 9 יוני 1970 איז ג. געשטאָרבן אין ניו־יאָרק.

צו איניקע זיינע לידער זיינען קאָמפּאָנירט געוואָרן מוזיק, ווי, „דריי אינגעלעך״ (מוזיק פון ל. נ. זאַסלאַווסקי), „אַמאָל און היינט״ (קאָנטאַטע פון לאַזאַר וויינער), „דער מזלדיקער האָז״ (מוזיק פון פּנחס יאַסינאָווסקי און מוזיק פון אליהו קאַנטער).

ג. האָט אויך געשריבן און אינסצעניר קינדער־פּיעסן, און פון זיי געדרוקט: „קלוב חכמים״, „חנוכה־מתנות״, „די גאָלדשפּינערס״, „אַ דין תּורה מיטן ווינט״ און „די מגילה״.

ג.׳ס ברודער איז געווען דער קאָמפּאָזיטאָר בען יאָמין.

ג.׳ס געדרוקטע פּיעסן:

[1] י. גויכבערג — קלוב „חכמים״
[„קינדער זשורנאַל״, ניו־יאָרק, אַפּריל 1925]

[2] י. גויכבערג — חנוכה מתנות
[דאָרט, אָקטאָבער 1944]

[3] שלום עליכם — די גאָלדשפּינערס
אינסצענירט פון י. גויכבערג
[דאָרט, דעצעמבער, 1945]

[4] י. ל. פּרץ — אַ דין תורה מיטן ווינט
(אינסצענירט ון י. גויכבערג)
[דאָרט, מאַי 1945]

[5] י. ג. — די מגילה
[דאָרט, פעברואַר 1954]

„לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור״, ניו־יאָרק, 1958, ערשטער באַנד, זז. 192־191.

## מיימאָן, רות
## [פישמאַן]



געבוירן דעם 13 יולי 1924 אין טשערנאָוויץ, בוקאָווינע, רומעניע, על־טערן — נאַציאָנאַל־רעליגיעזע. שוין אַלס קינד פון 5 יאָר האָט זי אַרויס־געוויזן מוזיקאַלישע פעיקייטן און גע־נומען שטודירן שפּילן קלאַוויר און טאַנצן קלאַסישן באַלעט. מ. טרעט אַריין אין דער אָרטיקער קאָנסערוואַטאָריע, וווּ זי שטודירט אַלס זינגערין, אָבער די 2־טע וועלט־מלחמה צעשטערט אירע שטודיע־פּלענער. זי ווערט מיט אירע עלטערן פאַרשלעפּט פון די נאַציס אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער אין טראַנסניעסטער, וווּ זי לעבט איבער, ווי דורך אַ נס, די שווערע צייט. באַלד נאָכן סוף פון קריג, פאַרלאָזט זי מיט די עלטערן רומעניע קיין ישראל, אָבער ווערט אויפן וועג אינטערנירט דורך די ענגלענדער אויפן אינדזל ציפּערן. דאָרט זינגט זי פאַר די טויזנטער אינטערנירטע יידן און ברענגט אַריין פרייד אין זייער טרויעריק געמיט. אין לאַגער



באַקענט זי זיך מיט אריה זיזעמסקי מיט וועלכן זי האָט דאָרט חתונה. נאָכן באַפרייט ווערן פון ציפּערן, באַזעצן זיי זיך אין אַ קיבוץ אין דגניה א׳, וווּ זי אַרבעט מיט איר מאַן אין דער אָר־טיקער לאַנדווירטשאַפט.

זייענדיק אין קיבוץ ווערט זי אַנגאַזשירט אַלס פּרימאַדאָנע אין אַן אָפּערעטן־טעאַטער, פון וואַנען זי גייט איבער אין טעאַטער „דאָ רע מי״, „הבימה״ און אין יידישן טעאַטער.

זינט 1962 איז מ. די פּאַרטנערשע פון שוישפּילער זלמן קאָ־לעשניקאָוו און טרעט מיט אים אויף אין קליינקונסט־פּראָגראַמען איבער יידישע ישובים אין אייראָפּע (ווין, פּאַריז, בריסל, אַנט־ווערפּן, ליעזש, שאַרל־רואַ, בערלין, מינכען, פראַנקפורט, שטוט־גאַרט, האַמבורג א.אַ.), ווי אויך אין סקאַנדינאַווישע לענדער (שוועדן, דענעמאַרק און נאָרוועגן). אין 1968 גאַסטראָלירט זי מיט קאָלעשניקאָוו אין אַרגענטינע, וווּ זי טרעט אויף אין „טביה דער מילכיקער״ (חוה), „טאַטענס חתונה (לילי), „די מוזינקע אויס־געגעבן״ (שיינדעלע), „פאַפירענע קינדער״ (אסתר), „שווער צו זיין אַן אלמן״, געשפּילט א׳נ „דעם קלעזמערס קינדער״, דערנאָך מיט אַ טורנעע איבער דער אַרגענטינער פּראָווינץ, אָרגאַניזירט דורך דער קולטור־אָפּטיילונג ביי דער קהלה אין בוענאָס איירעס. 70־1969 טרעט זי אויף, מיט ק. אין קליינקונסט־פּראָגראַמען אין ישראל און ווידער איבער אייראָפּע.

ש. ע. פון זלמן קאָלעשניקאָוו.

משה רייצעס — געלעכטער און טרערן אין דעם גרויסן שלום עליכם ספּעקטאַקל אין „מיטרע״, „די פּרעסע״, ב״א, 30 אַפּריל 1968.

משה רייצעס — „שווער צו זיין אַן אלמן״ — אַ פילפאַרביקער ספּעק־טאַקל מיט פאָלקסטימלעכן הומאָר, „די פּרעסע״, ב״א, 14 מאַי 1968.

[—] — „די מוזינקע אויסגעגעבן״, אַ פריילעכע אָפּערעטע פון די אַלטע גוטע צייטן אין טעאַטער „מיטרע״, „די אידישע צייטונג״, ב״א, 4 יוני 1968.

יעקב גזשיוואַטש — גרויסער דערפאָלג פון די מאָדערנע בינע־קינסטלער זלמן קאָלעשניקאָוו און רות מימון אין סקאַנדינאַוויע, „אונדזער וואָרט״, פּאַריז, 25 נאָוו. 1970.

א. א. ליבערמאַן — ס׳וועט נאָך זיין גוט, „אונזער וואָרט״, פּאַריז, 12 דעצעמבער 1970.

אברהם סילקעס — „ס׳וועט נאָך גוט זיין״, „אונזער שטימע״, פּאַריז, 17 דעצעמבער 1970.

## וואָלקענשטיין, דוד

[געב. 1891 — געשט. 1961]

געבוירן 1891 אין אוקראַינע. געווען איינער פון די וואָגיקסטע סאָוועטישע נאָוועליסטן. אָנגעהויבן זיין ליטעראַרישע טעטיקייט מיט אַ רוסישער דערציילונג אין גאָרקיס זמ״ב „ליעטאָפּיס״, דער־נאָך מיטגעאַרבעט אין דער רוסישער טעגלעכער צייטונג „קיעווסקאַיאַ מיסל״ א״א רוסישע פּעריאָדיק. זינט 1918 אָנגעהויבן שרייבן, דער עיקר אין יידיש, דערציילונגען, ראָמאַנען און קריטיק אין דער סאָוועטישער יידישער פּעריאָדיק. אַרויסגעגעבן עטלעכע ביכער אין יידיש און עטלעכע איבערזעצטע ווערק פון רוסיש. און, צוזאַמען מיט אויסלענדער, לוריע און פינינבערג, „יידישע ליטעראַטור״ (כרעסטאָמאַטיע און קריטיק). וו. האָט אונטערן פּסעוודאָנים ד. איסאַקאָוויטש געדרוקט קריטיק און טעאַטער־רעצענזיעס.

אָן 1922 איז אין קיעווער פאַרלאַג „קאָמוניסטישער פאָן״ דער־שינען זיין איבערזעצונג „האַר־הונגער, דראַמאַטישע פּאָעמע אין פיר אַקטן, נאָך ל. אַנדרעעוו״. וו. האָט אויך, צוזאַמען מיט מ.

נאָרוויד, באַאַרבעט שלום עליכמס „מענטשן“ אַלס „ריסטאָקראַטן“, וואָס איז אין סעזאָן 1927־28 אויפגעפירט געוואָרן אין מלוכהשן יידישן טעאַטער אין אוקראַינע.

זיין ראָמאַן „אויפגאַנג“ איז קורץ פאַר זיין טויט דערשינען אין רוסיש.

וו. האָט אויסגעמיטן די ליקווידאַציע פון די יידישע שרייבער אין סאָוועט רוסלאַנד. אַלעקסאַנדער פּאָמעראַנץ, אויפן גרונט פון אַ בריוו פון יידישן דיכטער און לערער וועלעדניצקי, שרייבט:

„וואָלקענשטיין וווינט ווי פריער (קיעוו — א. פּ.), איז אויפן אויסהאַלט פון זיין פרוי. מ׳האָט אים ניט גערירט, נאָר אַרויסגעוואָרפן פון פאַריין (אוקראַינישער שרייבער־פאַרבאַנד — א. פּ.) פאַר „אומטעטיקייט“. ער איז פיזיש און גייסטיק צעבראָכן, האָט לאַנג געליטן אויף שרעק־קראַנקייט. איצט זיך אַ ביסעלע באַרויקט. ער קוקט אויס אַ סך עלטער פון זיינע אמתע יאָרן. דער זיכרון זיינער איז זייער אָפּגעשוואַכט. ער איז שטענדיק אַ צעוויטיקטער און איז גרייט זיך יעדע מינוט צו צעוויינען“.

אין 1961 איז וו. געשטאָרבן אין קיעוו.

„לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור“, דריטער באַנד, ניו־יאָרק, 1960, ז. 290.
אַלעקסאַנדער פּאָמעראַנץ — „די סאָוועטישע הרוגי מלכות“, ב״א, זז. 54־55, 473־74.
י. ליובאָמירסקי — „מעלוכישער יידישער טעאַטער אין אוקראַינע“, כאַרקאָוו, 1931, זז. 44־45.

## פלאַפּאַן, יעקב

[געב. 12 יולי 1897 — געשט. 23 מערץ 1936]



געבוירן 12 יולי 1897 אין גראָדזשיסק, וואַרשעווער געגנט, פּוילן. געלערנט יידיש, העברעיש, דייטש, פּויליש און רוסיש ביי זיין פּאָטער — אַ לערער. די יוגנט־יאָרן געלעבט אין קאָוונע, ווו ער הייבט אָן זיין ליטעראַרישע טעטיקייט.

אין 1929 באַזוכט אַן אינסטיטוט פאַר דייטשער שפּראַך און ליטעראַטור אין בערלין. אין 192 עמיגרירט קיין אַרגענטינע, ווו ער ווערט אַ פּריזירער. פּ. איז געווען מיטגרינדער, אָנפירער און רעזשיסער פון יידישן עקספּערימענטאַלן טעאַטער „אידראַמס“ אין בוענאָס איירעס, און האָט אַרויסגעגעבן איינצקע ביכער.

פּ. איז געשטאָרבן דעם 23 מערץ 1936 אין קאָרדאָוואַ, אַרגענטינע.

ח. י. לינקאָווסקי שרייבט:

„...געזאָלט האָט עס זיין אַ קאָלעגיע פון די דריי [מ. פּאַקטאָראָווסקי, דוד גרינשפּאַן און יעקב פלאַפּאַן] ווי לערער און אויך רעזשיסאָרן. די קאָלעקטיווע אָנפירונג האָט זיך אָבער ניט איינגעגעבן. זייער פאַרשיידן זיינען זיי געווען די דריי. יעקב פלאַפּאַנס שטורעמדיקע פאַרמעסטן אויסצוראָמען דאָס בורזשואַזע קולטור־מיסט מיט אַ טעאַטער־בעזים, אַריינשרייען דאָס פּראָלעטאַרישע געוויסן אין דער וועלטס טויבע אויערן, אויפשטעלן אַ ספּעקטאַקל, וואָס פון זיין שפּיץ זאָל מען אַריינשפּייען דעם פּאַשיזם אין זיין פּאַסקודנער צורה, און די שוישפּילער דאַרפן זיך לערנען צו אַזאַ ריידן, זיי זאָלן מיט זייער וואָרט קאָנען הימלען צעשטורעמען און די וועלט צעדונערן, און אַזוי גיין מען זאָל קאָנען דערפליען אין די העכסטע הייכן... אָט די שטורם אין דראַנג־לאָזונגען, וואָס פלעגן ווערן אויסגעשריען אויף די העכסטע טענער, האָבן ווי אָפּגעשטופּט אין אַ זייט דעם שטילן לערער־אינטעליגענט גרינשפּאַן. עס האָט זיך אויך ניט געפילט באַקוועם פּאַקטאָראָווסקי, וואָס האָט אַליין געהאַט מאָדערניסטישע טעאַטער־אַספּיראַציעס. פלאַפּאַנס באַרגאַרויפיקע טרוימען, זיינע באַפליגלטע טעאַטער־צילן האָבן אָבער זיס פאַרשכורט די חברים פון דער סטודיע. זיי האָבן אים אַרומגערינגלט און צו אים זיך געקלעבט, און ער איז געבליבן דער איינציקער לערער אין משך פון די צוויי יאָר 1933־1934 און דער איינציקער רעזשיסער, וואָס האָט געמאַכט מיט דער סטודיע די ערשטע צוויי אויפפירונגען: „די נעגער“ (האָלד דהי פאָרט) פון כאַווער־פּאַוער, אין 1933, און די סאָוועטישע פּיעסע „קוילן“ פון גאַליטשניקאָוו און פּאָפּ, אין 1934, און אַ גאַנצע ריי קלענערע זאַכן און איינאַקטערס.

יעקב פלאַפּאַנס טעאַטער־קענטניש איז געווען זייער ווייט פון זיינע דיכטעריש־פאַנטאַסטישע טעאַטער־פאַרמעסטן, און אַפילו די טעאַטער־ידיעות, וואָס ער האָט אויפגעכאַפּט אין זיינע וואַנדערונגען איבער אייראָפּעיִשע שטעט, זיינען פאַר די חברים פון דער סטודיע געווען שווער אויפצונעמען. זיי האָבן אָבער דערפילט און זיך דורכגעדרונגען מיט זיין כסדרדיקן פאַרמעסטן צו שטייגן, צום פלי.

[לינקאָווסקי שילדערט וואָס עס האָט זיך אָפּגעטאָן ביי דער ערשטער פאָרשטעלונג]

...דער איינציקער, וואָס איז צום רוקסטן, איז דווקא דער מערנערוועזער פון זיי אַלע, דער וואָס טראָגט די גרעסטע פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַר דעם גרויסן אויפטו, פאַר דעם גרויסן אָנהייב — דער רעזשיסער יעקב פלאַפּאַן.

...די אויפפירונג פון „קוילן“ האָט געהאַט נאָך מער דערפאָלג ווי „די נעגער“. ...אידראַמסט איז פּאַקטיש שוין מער געווען ווי אַ סטודיע, איז שוין געווען אַ טעאַטער, אַן אַרבעטער־טעאַטער ...מע האָט אויך דאַן געמוזט אָנהייבן טראַכטן וועגן אַ רעזשיסער פאַר דער וויטערדיקער טעטיקייט פון אידראַמסט. יעקב פלאַפּאַן האָט אין זיינע צוויי אויפירונגען דערגרייכט מיט זיין שווּנג און פאַנטאַזיע אָנצוצינדן דעם פלאַם, וואָס האָט רויט באַשיינט די שוישפּילער ווי די צושויער אין משך פון צוויי יאָר. אים איז אָבער געווען שווער אָנצוהאַלטן דעם פייער. ווייזט אויס, אַז זיין געזונט האָט זיך שוין דאַן אָנגעהויבן ברעכן. ווייזט אויס, אַז עס האָט זיך שוין אין אים אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען די קרענק, וואָס האָט מיט אַ יאָר שפּעטער פאַרענדיקט מיט זיין קורץ שעפעריש לעבן. פלאַפּאַן איז שוין דאַן אויך מיד געוואָרן פון פּערמאַנענטן דיסקוטירן און אימפּאָנירן זיינע רעוואָלוציאָנערע טעאַטער־טעאָריעס. עס זיינען אויך מיד געוואָרן די חברים פון דער סטודיע; די סטיליזירטע פאַרשפּיצטקייט, וואָס פלאַפּאַן האָט געפאָדערט אין די באַוועגונגען, אין אויסדרוק, אין שפּילן בכלל האָט אין אָנהייב פאַרכאַפּט מיט דער נייקייט, מיט דער אַנדערשקייט, אָבער פלאַפּאַנען איז געווען שווער אָנצוהאַלטן אָט דעם אינטערעס ביי די חברים אין דער סטודיע. פאַר דער אידראַמסט האָט זיך געשטעלט די פּראָבלעם: אַ רעזשיסער“.

לעקסיקאָן פון דער נייער יידישער ליטעראַטור“, זיבעטער באַנד, ניו־יאָרק, 1968, זז. 401־400.
י. לינקאָווסקי — די ערשטע אויפפירונג „די נעגער“, „30 יאָר „איפט.“, ב״א, 1962.